ב"ה, כ"ז ניסן, תשי"ב
ברוקלין.

מיט פרייד האב איך עהראלטען דיין בריף פון נאך פסח אין וועלכען דו ביזט מודיע אז דיינע תלמידים און תלמידות האבען שוין אנגעהויבן דאוונען, און בעטסט פאר זיי א ברכה.
זיכער ווייסט דו דאס וואס עס ווערט געבראכט אין פילע ספרים, אז יעדער איד און אידישע קינדער בפרט זיינען בא דעם אויבערשטען טייער און נאך מער ווי א קינד א בן יחיד בא זיינע עלטערען, במילא איז קיין ספק ניט, אז דער אויבערשטער וויל געבען יעדערען פון זיי ברכה והצלחה אין אלע זייערע ענינים.
עס ליגט אבער א חוב קדוש און עס איז א זכות פאר די וועלכע זיינען מחנך און לערנען מיט די קינדער, אז זיי זאלען טאן אלעס וואס עס איז נאר אין זייער מעגליכקייט, אז די קינדערלעך זאלען זיין כלים טהורים און גוטע כלים צו אויפנעמען די ברכות פון השם יתברך, און בפרט אין דעם פאל, דארפסט דו זיך משתדל זיין צו איינפלאנצען אין זיי ענינים וועלכע זיינען פארבונדען מיט יראת שמים, וואס דאס איז אז זיי זאלן טראגען יארמולקעס, טלית קטן, און זאלן זיין אפגעהיט צו זאגען מודה אני, און ברכות, ברכות הנהנין, שמע ישראל און עגליכעס, און אז מען וועט דאס טאן, וועט מען געוויס מצליח זיין מיט די קינדער, און דאס וועט ממשיך זיין ברכה והצלחה צו די וועלכע העלפען אין אט דער הייליקער ארבעט.

בברכת הצלחה בעניני' הפרטים גם כן.

B.H. 27 Nissan, 5712
Brooklyn

I was pleased to receive your letter from after Pesach, in which you inform me that your students have already begun to daven, and you request a blessing for them.
Surely you know what is brought in many sefarim: Every Jew, and Jewish children in particular, is precious to the Almighty — even more so than an only child is precious to his parents. Consequently, there is no doubt that the Almighty desires to grant each of them blessing and success in all their affairs.
There is, however, a sacred obligation — and also a privilege — incumbent upon those who educate and teach the children: They must do everything within their ability to ensure that the children become pure and proper vessels to receive the blessings of G-d.
In your particular case, you should endeavor to instill in them matters connected with yiras Shamayim: that they wear yarmulkes and tzitzis, and that they be careful to recite Modeh Ani, brachos, brachos over food, Shema, and Aleinu.
When you will accomplish this, you will surely succeed with the children, and this will draw down blessing and success for those who assist you in this holy work.
With blessings for success in the individual matters as well.

Igros Kodesh, Vol. 5, p. 330